בס"ד

פרשת **פינחס**
כ"ג תמוז תשפ"ה
פרקי אבות-פרק א'

| הדלקת נרות | מוצ"ש גאונים | מוצ"ש ר"ת |
|---|---|---|
| 8:53 | 10:15 | 10:23 |

Tel: 020 39 815 815


# שבת בשבתו


סטעמפארד היל לאנדאן




אֲנִי הַגֶּבֶר רָאָה עֳנִי

אויסשליסליך פאר שבת בשבתו:

אברהם יצחק גאטליעב נ"י שילדערט

# מיין פערזענליכע יציאת גואטאמאלא

**כולם נקבצו באו לך:**
מאסן תושבי עירנו ערוואַרטעט קומענדיגן זונטאג ביים מעמד הצלת ילדי לב טהור

**מי רואה את אלו יוצאים:**
מעמד וועט פארקומען בראשות חברי הבד"ץ וכל רבני עירנו שליט"א

**שלוחי עמך בית ישראל:**
בהשתתפות האורחים החשובים העסקנים העומדים בראש המערכה וואס וועלן אויפדעקן שוידערליכע פאקטן

## ונפשו קשורה בנפשו

דער טיפער קשר פון הרה"ק מליסקא זי"ע אין זיין רבי'ן, דער הייליגער ישמח משה זי"ע

צום יארצייט פון הרה"ק בעל ישמח משה זי"ע, כ"ח תמוז




gilyoines.com

# ווען די וועלט וואלט געוואוסט

א פחד א אימה, א פינסטער און א שרעק...

פליטים לויפן ארום פון אלע זייטן און דערציילן שרעקליכע געשיכטעס וואס טוט זיך אפ "דארט"... און ווען זיי זאגן דאס ווארט "דארט", פארשטייט יעדער איינער פון וואס זיי רעדן. שוידערליכע געשיכטעס ווערן ארומגעשמועסט איבער "דארט", און די פארבליבענע אידן וואס זענען מיט די נשמה אין די האנט אנטלאפן פון "דארט", פרובירן אויפצושאקלען כלל-ישראל, שרייענדיג הייזעריגערהייט אז דאס יהדות איז אונטער אטאקע, אידישקייט איז אונטער א סכנה, מען דארף אצינד שווערע געלטער אפצושטעלן די רדיפות אויף פרויען און קליינע קינדער, וועלכע גייען אריבער שוידערליכע פייניגונגען. מען קען זיי נאך ראטעווען.

אבער... אבער...

ליידער האבן מיר דעמאלט נישט דערהערט דעם רוף! מען האט פשוט נישט געקענט גלויבן אז אין יארע 1939 למספרם, קען אזאנס פארקומען אונטערן פרייען הימל, ואין פוצה פה ומצפצף. מען האט געהאלטן אז די פוילישע פליטים טרייבן עטוואס איבער, זיי ווילן פשוט לייזן אפאר גראשן, דערציילן זיי מעשה'לעך. זיי טרייבן איבער אביסל די אמת'ע געשיכטעס וואס עס קומט פאר אין די אוישוויצער לאגערן.

ערשט יארן שפעטער, ווען דער חורבן איז שוין אנטפלעקט געווען איבער די גאנצע וועלט, האט מען זיך געריסן די האר פון די קעפ, פארוואס מען האט נישט אויסגעהערט דעם ווײ-געשריי פון יענע אידן... וויפיל וואלט מען געקענט ראטעווען און וויפיל וואלט מען געקענט אויפטון.

וואס האט יעדער איינער געקרעכצט?

"וואלט די וועלט געוואוסט..."

אידן זענען געזעצן ביי די שבת'דיגע סעודות, דיסקוטירט די געשעענישן. צווישן איין לעפל טשולנט אינעם צווייטן, האט מען שפעקולירט וואס פינקטליך עס איז אמת און וועלכער חלק עס איז אויפגעבלאזן, מיט די מטרה צו מאכן אביסל מער געלט...

וואלט די וועלט דעמאלט געוואוסט...

היינט קלאפט מען זיך על-חטא און מען האט חרטה פארן 'נישט וויסן'. חטאתי כי לא ידעתי – איך האב געזינדיגט ווייל איך האב נישט געוואוסט...

> **היינט קלאפט מען זיך על-חטא און מען האט חרטה פארן 'נישט וויסן'. חטאתי כי לא ידעתי - איך האב געזינדיגט ווייל איך האב נישט געוואוסט...**

## מיר 'ווייסן' שוין אצינד

ווי געשריבן פאריגע וואך אין "על הפרק", אונטערן קעפל "איך מיין אז איך וויס שוין!" האב איך מגלה געווען טפח און מכסה געווען טפחיים איבער די פיין און לייד וואס די טייערע משפחות, ווייבער און קינדער פון די קהלה וואס האט זיך גערופן 'לב-טהור' זענען ליידער אריבער, און גייען נאכאלס אריבער.

'לב-טהור' איז אמאל געווען א באהאלטענע פלאץ, ווייט פון אויג, וואו די פירער האבן באהאלטן דעם עולם פון די גאנצע וועלט. מען האט געקענט אפטון דארט וואס מען וויל, אן דעם וואס פרעמדע מענטשן זאלן וויסן איבער זייערע שוידערליכע מעשים, וואס ברענגען אפשיי און עקל ביי יעדן מענטש וואס הערט דערפון.

ניין, עס איז נישט קיין טעות. איך נוץ דירעקט די ווארט "אמאל-געווען", ווייבאלד די מציאות האט זיך שוין היינט געטוישט.

אמת, אויך ביז היינט זענען ארויסגערינען שמועות דא און דארט. אבער פארט איז דאס געווען רב בו ההעלם על הגלוי, נישט אלעס האט מען געקענט וויסן צי עס גייט טאקע אזוי ווייט, אדער זענען דאס בלויז שמועות וואס מענטשן האבן ליב צו שפעקולירן..

## די אינפארמאציע איז קלאר!

היינט-צו-טאגס ווייסט שוין יעדער איינער וואס דארט איז פארגעקומען.. די פאפיר קען נישט פארנעמען די שוידערליכע געשיכטעס וואס די קינדער און ערוואקסענע וואס זענען פון דארט ארויסגעקומען דערציילן. צענדליגער געראטעוועטע און אנטלאפענע פון דעם שוידערליכן קולט, שילדערן האר-אויפשטעלנדע פאקטן פון די אומגעהוירע פיין און לייד וואס זיי זענען אדורך.

די 'קינדער-היימען', וואס בלשונם ווערט דאס גערופן 'שעלטערס' אבער אין פאקט אפערירט עס ממש ווי א 'תפיסה', זענען נאך ליידער אנגעפילט מיט צענדליגער אידישע נפשות פון יונגטליכע; אינגלעך, בחורים, 'יונגעלייט', מיידלעך און 'מאמעס'... וואס גייען אדורך ביטערע שווערע ליידן זייענדיג איינגעשפארט דורך די ארטיגע רעגירונג וואס וויל זיי באשיצן פון די אכזריות'דיגע קולט און זייערע מנהיגים, אבער אך-און-ווײ פאר אזא 'באשיצונג'..

אט דאס זענען פאקטן וואס איז ביי יעדן איינציגן איד באוואוסטזיניג.

די פראגע איז נאר וואס טוען מיר מיט די שוידערליכע אינפארמאציע? וואס מיינט דאס פאר אונז?

## מיר מוזן זיי ראטעווען!

עס ליגט בידינו זיי צו ראטעווען!

ניין, מיר קענען נישט טון וואס די געטרייע עסקנים טוען. ר' אברהם גרינהויט, ר' שמעון ישראל פאזען, ר' יושע העשיל בלום זענען דארט יעדע איינציגע וואך, שוין פאר די לעצטע זעקס חדשים! מיר קענען דאס נישט באווייזן און קיינער בעט דאס ניטאמאל פון אונז!

מ'הייסט אונז נישט מיר זאלן זיך אוועקרייסן פון אונזערע היימען און פארן פאקטיש ראטעווען די קינדער פון די שעלטערס – אזוי ווי די עסקנים טוען. אבער דאס געלט וואס פעלט זיך אויס, דאס קענען מיר יא העלפן צושטעלן.

די שווערע קאסטן פון די לויערס, אימיגראציע, טיקעטס ארויסצוקומען, רענט פון פאראויס פאר די פליטים, אימיגראציע, שכר לימוד פאר די קינדער, פסיכאלאגן און מחנכים צו היילן פון די שווערע טראומע וואס זיי זענען אדורך, דאס ליגט אין אונזערע הענט.

**מ'הייסט אונז נישט מיר זאלן זיך אוועקרייסן פון אונזערע היימען און פארן פאקטיש ראטעווען די קינדער פון די שעלטערס - אזוי ווי די עסקנים טוען. אבער דאס געלט וואס פעלט זיך אויס, דאס קענען מיר יא העלפן צושטעלן**

### כולנו ביום ראשון!

דעם קומענדיגן זונטאג אוועט וועלן מיר אלע 'דארט' זיין! די זאל פון "יסודי התורה" און אלע שטחים ארום וועלן בלייך שנעל קליין ווערן פון די פלייץ פון אידן וואס וועלן קומען מחזק זיין און שטיצן די געוואלדיגע הצלת נפשות. מיר וועלן זיין דארט ארויסצעווייזן מאראלישע שטיצע פאר די געטרייע שלוחי כלל ישראל, די עסקנים ר' אברהם און ר' שמעון ישראל וואס קומען צו פארן אויפצוטרייבן ריזיגע סכומים פאר די פעולות ההצלה.

און ניין, מיר גייען נישט קומען מיט קיין ליידיגע קעשענעס. מיר וועלן זיין גרייט זיך צו לאזן קאסטן פאר די פדיון שבויים פון די טייערע קינדערלעך.

מיט אונזערע געלט וועט מען זיי בעז"ה ראטעווען, היילן זייערע וואונדן פיזיש און גייסטיש צוגלייך, געבן א געהעריגע חינוך און השקפה, זיי זאלן זיך קענען עווענטועל איינגלידערן אין כלל ישראל און אנפירן א געהעריגן לעבן בסייעתא דשמיא.

**כולנו בהמונינו ובממונינו.** ◼

# לעטר פתורא

### כשיש דין למטה אין דין למעלה

**פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי.**

די תורה הק' לויבט אויס פנחס אז ער האט אפגעשטעלט די כעס פון די שכינה הק'.

לכאורה איז שווער, אז די זעלבע פעולה וואס פנחס האט געטון וואלט מען דאך געקענט טון אויך מן השמים און וואס איז דער שבח פון פנחס אזוי גרויס.

נאר עס קען זיין לפי וואס חז"ל זאגן אז אויב עס איז דא א דין למטה – אויף די וועלט, איז נישט דא קיין דין למעלה, ווייל השי"ת איז מבטל זיינע דינים זעענדיג אז אונטן אויף די וועלט פירט מען זיך מיט דין.

דער געדאנק טרעפט מען אויך ביים דאווענען. אין די שמונה עשרה זאגט מען – השיבה שופטינו כבראשונה ויועצינו כבתחילה והסר ממנו יגון ואנחה – מען בעט ביי השי"ת אז ער זאל אומקערן די אמאליגע שופטים אז עס זאל הערשן דין למטה און אזוי ארום וועט בטל ווערן דער יגון ואנחה פון די וועלט.

דאס קען זיין איז געווען די מעלה פון פנחס. דורך וואס ער האט מקיים געווען דעם דין למטה האט ער זוכה געווען אז עס איז מקויים געווארן ביי אים דער 'השיב את חמתי' עס איז בטל געווארן דער דין למעלה.

[אך פרי תבואה]

הננו בזה בקריאה דחופה
**לאחינו בני ישראל רחמנים בני רחמנים**
**תושבי עירנו היקרים**
לבא ולהשתתף בע"ה אצל

# מעמד האדיר

לפעול ולסייע

# למען הצלת ילדי לב טהור

**לאור קריאת הקודש של מרנן ורבנן**
**הגאוה"צ הביד"ץ דהתאקה"ח שליט"א**

אשר כידוע במשך שנים רבות היו אותם עוללים חיים חיי צער ומכאוב,
הרחק מרוח ודרך המסורה והאמונה הצרופה מקדמת דנא,
בדרכים אשר לא שערום אבותינו

**וב"ה התחילו העסקנים בהמלצת גדולי הרבנים שליט"א**
**לסייע בהצלת הילדים והמשפחות לחלצם ממיצר**
**ולהביאם למקומות של אחינו בנ"י בכמה מדינות**

שיתקיים בע"ה בהתאסף אלופי אלפי ישראל
ביום **א' מטות מסעי** הבעל"ט
**בראשות הרבנים הגאוה"צ רבני עירנו שליט"א**

# באולם יסודי התורה

בשעה **9:00** בערב

ויה"ר שיתקדש שם שמים על ידינו

**וועד ההצלה סניף לאנדאן**
**מאיר ראטפעלד, בנימין שטערן, אברהם חיים גאלדמאן, מיכאל יוסט,**
**יושע חיים גריסגאטט, מענדל איינהורן, אליעזר לעוו, אברהם יעקב לאנדא**
**אברהם שפיטצער, דניאל פעלד, שמואל מרדכי פריעדמאן**
**יוסף מענדלאוויטש, משה קאפפעל, מרדכי צבי בינדיגער**
**מאיר רפאפורט, נתן נטע שרייבער**

מגבית הצלה האדיר
**ויצעקו**
למען ילדי לב טהור
**גואטמאלא**

gilyoines.com

# סדר המעמד

## א' מטר"מ • באולם יסודי התורה

**פתיחות שערים בשעה 9:00 בערב**

**יו"ר האסיפה**
הרב אפרים סאנדער שליט"א
משגיח ישיב"ק באבוב 45

**חובת בני עידנו**
הרה"ג ר' מאיר ראטפעלד שליט"א
חבר ועד ההצלה

**פרקי תהלים ודברי ברכה**
הגאון הגדול
רבי שלו' פריעדמאן שליט"א
סאב"ד דמתא

**דברי זעקה**
הגאון הגדול דומ"ץ
סאטמאר אנטווערפען שליט"א
העומד בראש העסקנות להצלת הילדים

**צעקת הילדים**
עדות באמנה
ישמיעו כמה
יוצאי לב טהור
ביחד עם ראש העסקנים
שהגיע במיוחד מניו יארק
מוה"ר אברהם גרינהוט שליט"א

**מאפילה לאורה**
יושבי חושך וצלמות
ישמיע העסקן הנמרץ
מוה"ר שמעון ישראל
פאזען שליט"א
מנהל בית התבשיל
"לשובע ולא לרזון"

**דרכי ההצלה**
לחלצם ממיצר
ישמיע האורח הדגול העסקן
הרב יהושע העכט שליט"א

**וְאֶת צַעֲקָתָם שָׁמַעְתִּי כִּי יָדַעְתִּי אֶת מַכְאֹבָיו**

gilyoines.com



אֲנִי הַגֶּבֶר רָאָה עֳנִי

אויסשליסליך פאר שבת בשבתו:

## אברהם יצחק גאטליעב נ"י שילדערט

# מיין פערזענליכע יציאת גואטאמאלא

מיר הערן פון ר' אברהם יצחק אלעס וואס ער איז אריבער | א טעימה קלה פון די שאקירנדע איפדעקונגען וואס וועט געהערט ווערן ביים מעמד אדיר "ויצעקו" דעם זונטאג אין יסודי התורה | פדיון שבויים כפשוטו

שלמה יאקאבאוויטש

מיינע גלות וואנדערונגען קיין איראק, טערקיי, ראמעניע, מאלדאווע, בולגאריע, באסניע, סערביע, גריכלאנד און נאך // מייערן סאלאט פאר פרישטאג און מייערן זופ פאר נאכטמאל // א חתן ביי די צוועלף // צוריק אין חדר אריין נאכן חתונה // מיינע 'תיקונים' נישט אריינטרעטנדיג פאר עטליכע חדשים אינדערהיים און נישט אויסטוישן קיין ווארט מיט קיין נפש חי // געקישט די פיס פונעם ריש מתיבתא ברבים // מיין ארויסוואנדערונג צו 'כנישתא חדא' און פיל נאך

די קאפ שווינדלט נאך פון די פילע האר-אויפשטעלנדע אינפארמאציע וואס מיר האבן זיך אנגעהערט די לעצטע איבער צוויי שעה. וויפיל מען האט שוין געליינט, געהערט און געשריבן איבער דעם טרויעריג בארימטן כת 'לב טהור', קומט דאס נישט צו צו קיין טיפה מן הים ווי ווען מ'הערט דאס פון א לעבעדיגע עדות, איינער וואס איז זעלבסט געווען א חלק פון די זאך, ער איז דארט אויפגעוואקסן, דארט א חתן געווארן, דארט בר-מצוה געהאט (יא, קודם א חתן דערנאך בר מצוה...), דארט חתונה געהאט וכו'.

ר' **אברהם יצחק גאטליעב** הי"ו איז א יונגערמאן אין זיינע זעכצענער יארן... וועלכער איז אנטלאפן פונעם כת און געפינט זיך אין די לעצטערע חדשים ביי אונז אין לאנדאן, אין שטוב פון הרה"ח רודף צדקה וחסד העסקן הידוע **ר' מענדל איינהארן** שליט"א, יד ימינו פון הגה"צ חיד"ו ווייס שליט"א דומ"ץ סאטמאר אנטווערפן. ווי פארשטענדליך קומט אים נישט אן גרינג צו רעדן איבער זיין פארגאנגענהייט, און ער זוכט ענדערש זיך צו קאנצענטרירן איבער זיין צוקונפט, אבער וויסנדיג אז דאס קען ארויסהעלפן די פדיון שבוים אקציע, ווען מענטשן וועלן איינזען וואס 'שבויים' מיינט, ווי קריטיש-וויכטיג עס איז צו ארויסזען יעדעס איינציגסטע נפש פון יענעם פלאץ און אזוי וועט דער עולם עפענען די טאשן און באגיסן די עסקנים מיט געלט, האט ער איינגעשטימט זיך אביסל צו עפענען און ארויסגעבן סודות פון חדר.

מיר פילן פאר וויכטיג קלארצושטעלן עטליכע נקודות. ערשטנס איז פשוט אז נישט אלעס (אדער כמעט אלעס נישט) וואס מיר האבן געהערט אין לויף פון די צוויי שעה קען מען אראפשרייבן אויף פאפיר, מיר וועלן שרייבן בלויז וואס דאס פעדער איז אומשטאנד ארויסצוגעבן אין א בחינה פון מגלה טפח ומכסה טפחיים.

דאס וואס מיר וועלן שרייבן איז בלויז א טעימה קלה פון דאס וואס מען וועט הערן דעם זונטאג אין יסודי התורה, ווען די סאמע שפיץ עסקנים למען המערכה קומען אהער צו פליען און וועלן אויפדעקן גאר אסאך סודות וואס איז נאכנישט באקאנט ביז היינט. מאכט זיכער דאס נישט צו פארפאסן!

נאך א נקודה איז זייער וויכטיג אינאכט צו נעמען, אז טראץ וואס ר' אברהם יצחק האט זיך דא געעפנט לטובת הכלל כדי ארויסצוהעלפן זיינע באקאנטע וואס זענען נאך פארכאפט אין גואטאמאלא, איז אים ווי דערמאנט נישט ניחא צו רעדן איבער זיין עבר, ער זוכט בכלל נישט צו זיין אין די העדליינס און וויל אנהייבן זיין לעבן פון פריש. ווי שטענדיג זענען פארהאן מענטשן מיט ווייניג טאקט וועלכע טרעפן אים אויפן גאס און הייבן אן אים אויסצופרעגן איבער לב טהור און אלעס ארום. טייערע אידן, פונקט ווי איר וואלט נישט געוואלט איינער זאל אייך אנפאנגען אויסצופרעגן איבער אייער היסטאריע פון ווען איר זענט געבוירן עד היום הזה, פארשטייט ביטע אז ער פארמאגט די זעלבע הארץ ווי ענק און עס איז אים זייער אומבאקוועם ווען מ'פרעגט אים אויס. זייט אלזא מכבד זיין ווילן, און לאזט אים עפענען א פרישן בלאט אין זיין לעבן.

-לאמיר זיך אצינד ארײנלאזן אינעם פארצווייגטן בלוט-דורכגעווייקטע געשיכטע פון ר' אברהם יצחק.

## געלעבט אין שטענדיגע פחד

- שלום וברכה ר' אברהם יצחק. א גרויסן יש"כ פארן באוויליגן צו רעדן מיט אונז לטובת הענין. לאמיר קודם הערן אווארט איבער לאנדאן און אייער געטרייער בעל אכסניא.

לאנדאן איז זייער א געשמאקע שטאט פיל מיט אנשי חסד. מיין בעל אכסניא ר' מענדל איז אפגערעדט, ער איז זעלטן געטריי און וועט ארויסגיין פון זיין וועג א טובה צו טון פאר א אידיש קינד. ספעציעל ביים יעצטיגן לב טהור פרשה וואו ער איז עוסק דערין בכל עת ובכל שעה, ער איז פארנומען דערמיט טאג און נאכט און טוט אויף גדולות ונצורות.

און א ווארט פאר אייך: זינט איך בין דא ליין איך יעדע וואך די 'שבת בשבתו' און איך האב זייער הנאה



מיין בעל אכסניא רודצו"ח ר' מענדל איינהארן שליט"א

דערפון, אייביג געשמאקע ארטיקלען מלא תוכן, כה לחי!

- **ישר כח.. גיימער אריבער צו גוואטאמאלא, לאמיר אנהייבן פון בראשית; ווי אזוי איז צוגעגאנגען דיינע קינדער יארן אין גוואטאמאלא אונטערן שאטן פונעם לב טהור קולט?**

מיינע 'קינדער יארן' נעמט אריין זייער אסאך, נעמענדיג אין באטראכט אז די קינדער יארן אין לב טהור גייט אן ביז נאך די חתונה... לאמיר אבער גיין על הסדר.

איך בין געבוירן אין גוואטאמאלא צו מיינע חשוב'ע עלטערן, דארט אויפגעוואקסן און ווי פארשטענדליך געגאנגען אינעם ארטיגן חדר.

- **וואס לערנט מען דארט אין חדר?**

ווען מ'לערנט לערנט מען בעיקר חומש... לאמיר מקדים זיין אז אין לב טהור איז דאס 'פעניען' א גרויסע עבודה, דער עולם – אריינגערעכנט די קינדער – זיצן און קולעצן גאנצעטע שעות. אויפן לערנען לייגט מען בכלל נישט קיין איבעריגן דגוש, חוץ אוודאי די ספרים פונעם מייסד שלמה העלבראנץ וואס דאס מוז מען לערנען און זיין אויסגעקאכט דעריין.

אין חדר הייבט מען ווי געווענליך אן מיט עברי, דאן – אין כתה ב' - גייט מען אריבער צו לערנען חומש. פון דעמאלט ביז די 10-11 יאר אלט לערנט מען בלויז איין זאך: חומש! נישט קיין גמרא, נישט קיין משניות און אפילו נישט קיין רש"י אויפן סדרה, חומש מיינט די בלויזע פסוקים.

ביי די 10-11 הייבט מען אן צו לערנען אביסל משניות, נישט צו סאך אוודאי... גמרא איז מען בכלל נישט גורס דארט, און אפילו ביי די יונגעלייט עקזיסטירט כמעט נישט די מושג פון לערנען גמרא. ווי די הנהלה (הערת הכותב: די 'הנהלה' באדייט די עטליכע ראשים דארטן וואס זיי מאכן אלע החלטות, זיי מוז מען פאלגן, זיי טיילן מלקות און עונשים וכו' וכו') פלעגט זאגן, אז גמרא איז בכלל נישט וויכטיג, דער עיקר איז צו קענען די ספרים פונעם רבי'ן (דער מייסד שלמה העלבראנץ), און אין דעם האט מען טאקע כסדר



ווי פארשטענדליך בין איך געגאנגען אינעם ארטיגן חדר

געפילעוועט, דאס איז געווען ממש דער ספר יסוד.

- **אויף וויפיל מ'קען פארציילן, וויאזוי גייט צו די עונשים וכו' אין חדר?**

איך זוך זיך בכלל נישט צו דערמאנען דעריין... עס זענען געווען גאר שווערע יארן מילד גערעדט און איך וויל נישט אריינגיין אין צופיל דעטאלן. אזויפיל קען איך דיר זאגן, אז אנפראסקען א אינגל אזש ביזן רינען בלוט פון זיין נאז און מויל איז געווען פון די גרינגע שטראפן... מלקות איז נישט געווען אויסגעשלאסן א.א.וו.

- **אויף וואספארא סארט זאכן האט מען באשטראפט?**

פרעג בעסער אויף וואס נישט... אויף יעדע קלייניגקייט וואס דער מלמד האט מחליט געווען אז דאס איז ראוי לעונש איז געקומען קאנסעקווענצן. אז א מאמע האט געשיקט א צעטל אז דער אינגל האט זיך נישט אויפגעפירט ווי ס'דארף צו זיין [און זי האט געפילט פאר א פליכט דאס צו לאזן וויסן, ווייל אזוי וועט איר זון כאטש באקומען דעם ריכטיגן תיקון און מכפר זיין אויף די עבירה...] האט מען געקענט באשטראפט ווערן מיטן הארבסטן.

איך דערמאן זיך יעצט איינמאל, ווען דער מלמד האט געהייסן פאר א אינגל פון מיין כתה אז נאכן ענדיגן לערנען זאל ער אוועקפאקן די ספרים, [וואס אגב איז נישט געווען ביי אונז געווענליך אזא מושג פון אוועקפאקן ספרים. ווען איך בין דא אנגעקומען און געזען וויאזוי רוב ציבור פאקן אוועק זייערע ספרים האב איך נישט פארשטאנען וואס גייט דא פאר..] און דער אינגל האט פארגעסן דערפון. די נאכווייען מיין איך אז ער שפירט נאך ביז יעצט.. די מכות רצח וואס ער האט פאר דעם געכאפט איז אוממעגליך צו שילדערן.

ווי אויך פלעג איך צומאל פאסטן א גאנצן טאג, וויבאלד טאמער איינער האט פארשפעטיגט און איז אנגעקומען נאך די צייט פון פרישטאג האט מען אים פשוט נישט געלאזט עסן, און אזוי האט מען געמוזט הונגערן ביז נאכטמאל!

אין איין ווארט; מיר קינדער האבן געלעבט אין שטענדיגע פחד פון דעם אייגענעם שאטן.

- **אוי, עס הערט זיך שרעקליך.**

## בת קול יוצאת (מהנהלה) בת פלוני לפלוני

• **לאמיר זיך רוקן צו די בר מצוה, ווי אזוי איז דאס פארגעקומען?**

ווארט, וואו האלטסטו שוין ביי די בר מצוה, איך בין צום ערשט א חתן געווארן...



מזל טוב צום שידוך!

• **וווואס?! א אינגל א חתן?!**

אזוי ווי דו הערסט, איך בין געווען בלויז צוועלף יאר אלט, ווען איין נאכט, איינס אזייגער אינמיטן נאכט, האט מען מיר אויפגעוועקט, זאגנדיג אז דער 'ריש מתיבתא' וויל רעדן מיט מיר (הערת הכותב: דער ריש מתיבתא איז געווען דער פאקטישער פירער אויפן פלאץ, נאך וואס דער פירער נחמן העלברענץ - דער 'חכם' כלשונם - זיצט אין די לעצטערע יארן אין תפיסה). איך בין אריבערגעגאנגען צו אים און דארט האט ער מיר 'מודיע געווען' אז איך ווער א חתן צו די און די מיידל... און קומענדיגן שבת איז געווען די לחיים [פארוואס ער האט מיר געמוזט אויפוועקן אינמיטן נאכט צו לאזן וויסן אז קומענדיגע שבת גייט זיין א לחיים האב איך נ י ש ט קיין אנונג...].

אזוי איז צוגעגאנגען דארט די מהלך החתנ'שאפט, עס איז נישט געווען קיין שדכנים, נישט געווען קיין בחירה, די 'הנהלה' האט געלאזט וויסן פאר יעדן ווער זיין באשערטע איז און דאס האט מען געטון. עס איז נישט געווען קיין בעשאו ח"ו, און מען האט ניטאמאל זיך געטראפן קיין איין מאל מיטן כלה ביז די חתונה, מען האט בלויז געוואוסט איר נאמען און שוין...

• **ווי לאנג האט מען געווארט צווישן די שידוך שליסן און חתונה?**

געוועהנליך איז דאס געגאנגען זייער שנעל, צומאל איז דאס אפילו געווען אינעם זעלבן טאג (!), אבער ע"פ רוב איז דאס געווען עטליכע טעג ביז א וואך.

• **האט מען באקומען הדרכה פאר די חתונה?**

לאמיר זאגן אז יא... עס איז געווען א צוואנציג יעריגער יונגערמאנטשיקל וואס ער האט געגעבן די הדרכה... איך דארף אפילו נישט מסביר זיין וויאזוי עס זעט אויס אזא סארט הדרכה. אבער דער אמת איז אז מען האט כמעט נישט געברויכט קיין הדרכה, וויבאלד עס האט כמעט נישט עקזיסטירט אזא מציאות ווי א פריוואטע לעבן אין גואטאמאלא, וד"ל ואכמ"ל.

## אכילה שתיה ולינה (איז נישט געווען...)

• **אז איר דערמאנט וועגן די לעבן דארט, לאמיר א מינוט פארקריכן פון דיין חתנ'שאפט און שילדער מיר אביסל וויאזוי דאס לעבן און די הייזער דארטן האבן אויסגעקוקט.**

*ר' אברהם יצחק צעלאכט זיך ווען ער הערט די ווארט 'הייזער'.*

עס איז נישט געווען קיין הייזער דארט אין די לעצטערע יארן. עס איז געווען בלויז צווי הייזער, איינס איז געווען די ביהמ"ד און ווייבער שול (ליינט ווייטער מער איבערן ווייבער שול), און די צווייטע איז געווען אין פארגאנגענהייט א "דרוקעריי". די דרוקעריי איז געווען א ריזיגע שטח, און נאך וואס מען האט איין מאל געמוזט פארלאזן די הייזער האט מען דארטן פלאצירט דעם ג-א-נ-צ-ן עולם! דאס נעמט אריין ארום הונדערט און פופציג משפחות.

מען האט צעטיילט דאס גאנצע פלאץ צו קליינע שטיבעלעך, אפגעטיילט מיט א דינע פלעסטיק אינצווישן, און יעדער האט באקומען איין 'הויז'. מען האט ווי פארשטענדליך פיין געהערט יעדער פונעם צווייטן און אין מערסטנס פעלער האט מען אויך געקענט אריינקוקן, וויבאלד די פלעסטיק איז געווען פיל מיט לעכער, און עס איז געווען א נארמאלע ערשיינונג אריינצוקוקן צום שכן. די בודקעלע/



מיר האבן געלעבט אין שטענדיגע פחד

כאטקע אדער וויאזוי דו ווילסט עס רופן איז ע"פ רוב באשטאנען פון איין צימער! איין חלק איז געווען די קאך/דיינינג רום וכו' און די אנדער חלק איז געווען די שלאף צימער וואו די גאנצע משפחה איז געשלאפן. מאנכע האבן צוטיילט דעם שלאף צימער מיט א שטיקל מחיצה'לע. יעצט זאג מיר דו אויב איז געווען מעגליך צו האבן עפעס פריוואטקייט דארט...

- **נישט צום באגרייפן. לאמיר איצטער הערן וועגן די עסן. וואס האט מען דארט אלץ געגעסן און צי איז געווען גענוג צו עסן?**

גענוג צו עסן איז קיינמאל נישט געווען, מען האט נישט געהאט קיין געלט דארט (חוץ ווען מען האט געדארפט אונטערשמירן באאמטע וכו'...), און מען האט זיך געמוזט באגענוגן מיט וויינ. אויב אבער איז דאס געווען דער מציאות אין די פריערדיגע יארן, האט זיך אין די לעצטע זעקס יאר די מצב פארערגערט אויף אן אומבאגרייפליכן פארנעם.

מיט זעקס יאר צוריק איז ארויסגעקומען די נייע גזירה – וואס מען האט מגלה געווען פארן חכם מיט א מורא'דיגע גילוי פון הימל... – אז מען טאר נישט עסן פלייש, פיש, מילכיגס און נאך פארשידענע עסנווארג. זינט דעמאלט האט מען פשוט געהונגערט אין לב טהור. אונזער עיקר דיעטע איז באשטאנען פון גרינצייג און נאכאמאל גרינצייג. ברויט האט מען געמעגט עסן נאר וואס איז געבאקן פון מעל וואס מען האט אליין געמאלן, זאלץ איז מען געגאנגען נעמען ביים ים און עס אליינס אויסגעטריקנט, אויל האט מען אליין אויסגעקוועטשט אא"וו.

כ'וועל דיר זאגן אן אינטערעסאנטע



זכרנו את הקישואים - אזוי האט אויסגעקוקט ביים שבת טיש ווען דער קורדזשעט האט געדינט במקום פיש...

זאך, אז די קישואים-קורדזשעט (courgette) האט מען ביי אונז גערופן פיש... פרעג מיר נישט פארוואס, אבער דאס איז געווען די מציאות, און שבת ביים סעודה האט מען דאס געגעסן פאר די פיש. אויף אזוי וויט, אז אסאך קינדער וואס זענען יעצט ארויס פון דארטן, ווען מען האט זיי געגעבן פיש, האבן זיי געט'ענה'ט חי וקיים אז דאס איז נישט קיין עכטע פיש, די קורדזשעט פון גוואטאמאלא איז די עכטע...

## גלות-גלות ווי לאנג ביסטו

- **לאמיר צוריקקומען צו דיין חתן ווערן, ווען האסטו למעשה חתונה געהאט?**

נישט אזוי שנעל. נאך וואס איך בין א חתן געווארן האט זיך אנגעהויבן די פרשה פון דאס אנטלויפן, כ'ווייס נישט אויב איר האט געהערט דערפון, און אזוי האט זיך מיין חתונה אפגעשטופט מיט ארום צוויי יאר – ביז די פערצן.

- **כ'גלייב אז ס'דא אידן וואס ווייסן נישט וועגן דעם, אויב קענסטו**

### אביסל פארברייטערן איבער דאס גלות לויפן.

דאס איז געווען מיט עטליכע יאר צוריק, ווען צוליב וואס די רעגירונג האט אנגעהויבן שמעקן אז עפעס גייט דא פאר האט מען געמוזט מאכן פליטה. מען האט זיך צעטיילט אין עטליכע קבוצות, ווען יעדע קבוצה צווישן זיך איז אויך געווען צוטיילט אין עטליכע קלענערע. איין קבוצה האט זיך אויסבאהאלטן אין גוואטאמאלא אין א שטאל פון דבר-אחר'ס, יא יא, דאס איז נישט קיין מליצה, דאס איז געווען די ביטערע מציאות. די צווייטע איז אנטלאפן קיין מעקסיקא, און די דריטע – אין וועלכע איך מיט מיין משפחה זענען געווען אנגעשלאסן - איז אנטלאפן צו... ארום פופצן לענדער.

- **וואו, עס הערט זיך דראמאטיש, לייגט אונז אראפ די מצב.**

איך וועל עס מאכן זייער בקיצור, וויבאלד צו פארציילן וואס איך בין דורכגעגאנגען יענע יאר צייט קען מען ארויסגעבן א גאנצע בוך.

צום ערשט זענען מיר געפארן קיין **איראק**, די איראקער האבן אונז אבער נישט געוואלט לאזן בלייבן דארט און אונז ארויסגעווארפן



דער טערקישער לופטפעלד וואו מיר האבן באזוכט דריי מאל אין אפאר טעג...

פון לאנד. פון דארט זענען מיר געפארן קיין **טערקיי**. באמת וואלטן די טערקישע אונז אריינגעלאזט מיט א וויזע וואס קאסט בלויז אפאר פונט, אבער מיר האבן דעמאלט געהאט אן אנזאג פונעם 'חכם' אז וואו אונז קומען אן דארפן אונז שרייען 'רעפיודזשי' (refugee), אז אונז זענען פליטים. נו, שרייען קענען דאך די אראבער בעסער.. און זעענדיג מיט וועם זיי האנדלען האבן זיי אונז נישט געוואלט אריינלאזן.

זיי האבן אונז געהאלטן אין א קעלער אינעם עירפארט, וואו דער מצב איז געווען זייער שווער. זיי האבן אונז באמת געוואלט צוריקשיקן קיין גוואטאמאלא, אבער מיר האבן זיך גע'עקשנ'ט צו גיין קיין **ראמעניע**. זיי האבן אונז אפגעשיקט קיין ראמעניע וואו מיר האבן שוין געהאט עטליכע פון אונזערע מענטשן. אין ראמעניע האבן מיר ווייטער געשריגן רעפיודזשי, אויך האבן מיר נישט געהאט קיין פלאן וואו מיר גייען איינשטיין, און זיי האבן אונז גראד צוריקגעשיקט קיין **טערקיי**, נישט וועלנדיג אפילו געבן עסן. אין טערקיי האבן די חברה שוין געלאכט פון אונז און אונז צוריקגעפירט אינעם קעלער. פון דארט האבן מיר געבעטן צו פארן קיין **מאלדאווע**, זיי האבן אבער געזאגט אז זיי האבן טיקעטס נאר פאר שבת, אדער דארפן אונזווארטן ביז מאנטאג. די הוראה איז גלייך געקומען פון די הנהלה אז מען מעג מחלל שבת זיין (...) און אזוי זענען מיר בעצם יום השבת ארויף אויף א פליגער קיין מאלדאווע.



א חתן נאך פאר די בר מצוה...




דארטן איז שוין געווען א רב וואס האט געהערט אז אונז ווילן קומען און געשיקט א בריוו צו די רעגירונג מ'זאל אונז נישט אריינלאזן. כך הוה, זיי האבן אונז נאכאמאל צוריקגעשיקט קיין **טערקיי**... דאסמאל זענען שוין די חברה געווען בייז, און דאן האבן מיר געבעטן אז מיר ווילן פארן קיין **באסניע**. אין באסניע האט מען אונז ענדליך אריינגעלאזט, און מיר האבן זיך פלאצירט אין האטעלס. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין צוויי וואכן וואס איך בין געשלאפן אויף א בעט! דארט האבן מיר זיך אויפגעהאלטן פאר דריי חדשים, טוישנדיג יעדע פאר טעג/וואכן האטעלס. אבער דערנאך האבן מיר אויך געמוזט פון דארט גיין, וויבאלד מען טאר זיך נישט אויפהאלטן אין א לאנד מער ווי 3 חדשים אן קיין וויזע.

פון דארט זענען מיר געפארן מיט א באס פאר לאנגע שעות קיין **סערביע** (א פליגער איז געווען צו טייער). זיי האבן אונז אבער נישט אריינגעלאזט, זעמיר צוריקגעפארן די גאנצע וועג און אריבער צום אנדערן זייט באסניע, וואו מיר זענען אנגעקומען קיין **מאנטענעגרא**, וואס מיר האבן געניצט אלץ דורכגאנג צו **אלבאניע** און פון דארט קיין **בולגאריע** וואו מיר האבן פרובירט זיך צו באזעצן. די בולגארישע האבן אונז אבער נישט געוואלט האבן, און מיר האבן געדארפט ווייטער גיין.

דאס איז געווען הארט פאר שבת, און די הוראה איז ווייטער געקומען אז מיר מעגן מחלל שבת זיין. מיר זענען דאן געגאנגען קיין **מאקדאניע** וואו מיר האבן פארברענגט די קומענדיגע 3 חדשים. דערנאך זענען מיר געגאנגען קיין **גריכלאנד** פאר נאך 3 חדשים, דאן זענען מיר מוריק קיין **מאקדאניע** פאר איין טאג און דערנאך צוריק קיין **גריכלאנד** פאר 3 חדשים, וועלכע האבן נישט געכאפט אז מיר זענען נערוואס דא געווען.

ענדליך נאך א יאר וואנדערנישן צו אזויפיל מדינות איז געקומען א הוראה פונעם חכם אז מען דארף צוריקקומען קיין גוואטאמאלא.

איך פארצייל עס דא אזוי אין איין אטעם, אבער דאס איז געווען א בלוטיגע רייזע, באגלייט מיט הונגער און נויט וואס איז שווער צו שילדערן. אין באסניע צום ביישפיל האבן מיר די גאנצע 3 חדשים געגעסן כמעט נאר מייערן, ווייל דאס איז געווען ביליג דארט. פאר פרישטאג האט מען געגעסן א מייערן סאלאט און פאר נאכטמאל א מייערן זופ... און אויף דעם האט מען געלעבט!

- **אומגלויבליך! הארצרייסנד!**

# כל חרמי וקינוסי ותיקוני...

- **אונז קערן מיר זיך צוריק בשעה טובה קיין גואטאמאלא צו דיין חתונה, ווי אזוי גייט צו א חתונה אין לב טהור?**

די חתונות פלעגן זיך אנהייבן ארום עלעווע בייגאכט און זיך געצויגן ביז פירע פארטאגס, און יעדער פון די קהילה האט געמוזט זיין דארט, וויבאלד דער חכם נחמן האט גערעדט ביי יעדע חתונה מיט א הוק-אפ פון תפיסה, און ווען דער חכם רעדט זאל זיך איינער דערוואגן נישט צו זיין אנוועזנד.. מען האט אבער נישט געזאגט ווען ער גייט רעדן, אזוי אז יעדער האט געמוזט זיין דארט פון אנהייב, און געוועינליך האט מען געדארפטווארטן א שעה-צוויי-דריי ביז ער האט גערעדט, און דערנאך אויסהערן זיין דרשה פון א שעה...

די חתונה איז געגאנגען מער-ווייניגער געהעריג; א חופה, א סעודה [קענסט זיך פארשטעלן די גרויסארטיגע סעודה פון גרינצייג...], טאנצן און מצוה טאנץ.

נאך די חתונה בין איך פשוט און גראד צוריקגעגאנגען אין.. חדר! מיין כתה איז געווען אביסל צעמישט די עלטערס, אזוי איז אויסגעקומען אז אין איין כתה האבן דאן געלערנט אינגלעך, בחורים און יונגעלייט...

אז איך האב דערמאנט וועגן דעם אז מען האט געמוזט זיך באטייליגן ביים חתונה, לאמיר דיר פארציילן כלליות'דיג וואס איז געווען די מהלך פון דין וחשבון אין לב טהור אויף יעדע זאך, און א חתונה איז געווען דאס זעלבע.

יעדער האט זיך געדארפט צושטעלן צו אלע תפילות ומעמדים וואס איז דארט פארגעקומען אויף הונדערט פראצענט. דאס האט געמיינט אז אין א געוועינליכע טאג [זייער אסאך מאל איז דאס געווען מער ווי דעם, אבער איך רעד דא דאס מינימום] האט מען געדארפט זיין אין ביהמ"ד זיבן אזייגער צופרי פאר א שעה התבוננות... אום אכטע האט מען זיך געשטעלט שחרית וואס האט גענומען ד-ר-י-י שעה [זארג זיך נישט, מען האט נישט געהאט אזעלכע הויכע כוונות, רוב עולם איז פשוט געזעסן און געפעניעט און געקלאפט..]. דערנאך נאכמיטאג האט מען געדארפט זיין פאר נאך 4 שעה אין ביהמ"ד, אריינגערעכנט מנחה-מעריב און לימודים בספרי הרבי.

טאמער איינער האט זיך צו דעם נישט צוגעשטעלט איז געקומען תיקונים! (מיר וועלן באלד אריינגיין מער אין



מען האט געדארפט זיין זיבן אזייגער צופרי פאר א שעה התבוננות

די תיקונים). און יעדע זאך וואס מען האט געדארפט טון אדער ערלעדיגן האט מען געמוזט זאגן פאר די הנהלה! עס איז אויך געווען א צעטל ביים וואנט וואו יעדער האט געדארפט אראפשרייבן יעדע מאל וואס ער איז ארויס – און דאס איז געווען ביי יעדע תפילה און מעמד וכו' אריינגערעכנט ביי חתונות, טאמער איינער האט געדארפט ארויסגיין פאר הכנות האט ער געמוזט אראפשרייבן פינקטליך וויפיל אזייגער ער איז ארויס און ווען ער איז צוריקגעקומען.

אזוי איז די הנהלה געווען פארמישט אין יעדע פרט ופרט פון דעם מענטש'ס לעבן. מען האט נישט געהאט איין פינטל פריוואטקייט. איין דוגמא, מען האט געמוזט יעדן טאג איבערגעבן א סדר היום פאר די הנהלה, מיט די פינקטליכע סדר וואס מען האט געטון במשך'ן טאג, אן אויסלאזן קיין איין דעטאל. אגב, מען האט געמוזט גיין שלאפן צען אזייגער, און ווער נישט, איז ווידער געקומען תיקונים.

- **עס לאזט זיך נישט גלייבן וויאזוי מען קען ארומשפילן מיט מענטשנ'ס מוחות. לאמיר שוין הערן וואס זענען געווען די 'תיקונים'?**

די תיקונים זענען געווען זייער אסאך סארטן און שטאפלען. פאר די קלענערע זאכן ווי גיין שלאפן שפעט אדער קומען אפאר מינוט שפעט צום דאווענען וכדו' איז געווען גאר אן אפטע תיקון אז מען האט געדארפט פאר איין נאכט שלאפן אין ווייבער שול.

- **איז דאס אזוי שלעכט געווען?**

עס איז אסאך ערגער ווי שלעכט! כ'וועל דיר עס זאגן אין איין ווארט, א בהמות שטאל איז שפאגל-ריין קעגן די ווייבער שול! איך וואלט ענדערש געשלאפן אין שטאל ווי אין ווייבער שול. לאמיר עס מסביר זיין; די ווייבער שול איז געווען געפערליך נאכגעלאזט, דארטן האט מען געגעסן פרישטאג (אין די לעצטע יאר צייט פאר די פארשליסונג האט מען

דארט אויך געגעסן נאכטמאל – נאך וואס די הנהלה האט באשלאסן אז מער טאר קיינער נישט עסן נאכטמאל אינדערהיים), מען האט דארט פארברענגט, די קינדער האבן זיך דארט געדרייט וכו', בקיצור דאס איז געווען א שרעקליכע שמוציגע פלאץ. בנוסף איז דאס געווען דער דורכגאנג צווישן די שול און די וואוין ערטער, אזוי אז דאס האט כסדר געווירבלט מיט מענטשן און יעדער האט מיטגעהאלטן אז דו גייסט היינט שלאפן אין ווייבער שול..

א צווייטע גאנגבארע תיקון איז געווען אז מען האט נאר געמעגט עסן ברויט מיט וואסער, און פארגעס נישט אז דאס איז געווען טרוקענע ברויט. איך פלעג אין אזעלכע פעלער פשוט פאסטן אנשטאט עסן די טרוקענע ברויט וואס איז נישט געווען אין מויל צו נעמען.

- **און וואס זענען געווען די גרויסע תיקונים?**

אה, אין דעם איז שווער צו אריינגיין, עס נעמט אריין זאכן וואס איז שווער צו שילדערן, און איז געווענליך געגעבן געווארן פאר אזעלכע וואס האבן רח"ל געהאט מחשבות זרות קעגן די הנהלה... כ'וועל דיר פארציילן מיינע תיקונים און פון דעם וועסטו 'אביסל' פארשטיין די מהלך, כאטש וואס מיינס זענען נישט געווען די ערגסטע.

- **גוט, לאמיר הערן צום ערשט ווי אזוי האסטו זיך פארטשעפעט מיט זיי אז דו האסט געדארפט צוקומען צו גרויסע תיקונים?...**

עטליכע חדשים נאך מיין חתונה, פאר פורים תשפ"ד, האב איך


בע"ה

לשכת טובי הקהל
שע"י קהילת קודש
חשק שלמה-לב טהור
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
ובהדרכת מורינו הריש מתיבתא שליט"א

ד' לסדר תזריע מצורע תשפ"א

מודעה

מיר ווילן דערמאנען די תקנה פון די ריש מתיבתא שליט"א ביי די ענין פון רעדן מיט מענטשן וואס זענען נישט פון די חבורה הק'.

אויב איינער דארף רעדן צו מענטשן וואס זענען געווען אין די חבורה, אדער צו מענטשן וואס זענען נישט געווען אין די חבורה פאר סיי וועלכע ענין לדוגמא בעטן צדקה, בעטן טובות וכדו', אזוי אויך רעדן צו משפחה, דארף באקומען רשות בכתב פון די לשכת טובי הקהל.

מען וועט דארפן אויספילן א צעטל מיט די פאלגענדע שאלות כדי צו באקומען רשות.

- פאר ווי לאנג דארף מען די רשות.
- צו וועמען דארף מען רעדן.
- די סיבה פארוואס דארף מען רעדן.

אויב די ענין איז בעטן אדער שאפן געלט, וועט די צעטל דארפן ווערן באשטעטיגט אויך ביי די הנהלה גשמית.

אזוי אויך ווער עס האט שוין באקומען רשות דארף עס באנייען בכתב.

די צעטל צו אויספילן קען מען באקומען ביי ר' [redacted] הי"ו.

בשם חברי טובי הקהל
משה חיים צבי מלכא
סגן ספרא דדיינא



א שטאל איז ריין קעגן דעם ווייבער שול וואו אונז האבן געדארפט שלאפן

אפגעשטאט א געהיימע באזוך אין 'כנישתא חדא' צוזאמען מיט מיין טאטן (הערת הכותב: אין איין ווארט פאר די וואס ווייסן נישט - כנישתא חדא איז געווען א קהילה פון יוצאי לב טהור - 'מורדים' ווי מען האט זיי דארט גערופן - וועלכע האבן געעפנט א ביהמ"ד פינף מינוט אוועק פון לב טהור, און אזוי ארויסגעראטעוועט מענטשן פונעם שרעקליכן כת). די הנהלה איז דערפון געוואויר געווארן און דאס איז געווען דאס ארגסטע, ממש פון די שלש החמורות. זיי האבן דאן ארויסגעווארפן מיין טאטע וכו', אבער מיר, זייענדיג יונג און אזוי ווי איך בין נאר געגאנגען אין באגלייטונג פון מיין טאטע האבן זיי זיך באגענוגנט מיטן בלויז סטראשען אז טאמער טרעפט מען מיר נאכאמאל דארט גיין איז אחת דתי' ל...

עס איז אריבער אפאר וואכן, און מיין הארץ האט אהין געצויגן. כ'האב נאכאלץ אביסל מורא געהאט צו אפהאקן אינגאנצן מיט לב טהור, נאך וואס די הנהלה און דער חכם פלעגן כסדר ווארענען אז ווער עס גייט אהין פארלירט זיין גאנצע עולם הבא וכו' וכו'. כ'בין שוין טאקע נישט געווען אזוי גלויביג אין זיי, אבער דאך האט מיר געקיצלט צו פארלירן מיין עולם הבא און עולם הזה צוזאמען...

למעשה האמיר זיך געטראפן דריי חברים, וואס מיר האבן צוזאמען באשלאסן אז מיר גייען זיך אריבערכאפן קיין כנישתא חדא פאר א באזוך. מיר זענען געגאנגען איינמאל, און דאס האט נאכגעפאלגט מיט מערערע באזוכן, אזוי ווייט אז עס איז געווען א

וואס אונז זענען אהינגעגאנגען יעדע נאכט! פארשטייט זיך אלעס איז געווען בסוד סודות, אז אפילו די אייגענע ווייבער האבן נישט געטאר וויסן, נעמענדיג אין באטראכט אז מען האט כסדר געווארנט די פרויען אז יעדע מינדעסטע זאך וואס זיי זעען ביי די מענער מוז מען קומען מסר'ן.

אזוי איז עס אנגעגאנגען פאר עטליכע וואכן, ביז די הנהלה איז דערפון געוואויר געווארן. דא האט זיך אנגעהויבן א קאשמאר וואס איך וועל דיר פארציילן בלויז בקיצור, וויבאלד די צייט איז שפעט.

זיי האבן געשפילט מיט אונז די שטעקן-און-מייער שפיל: איינער פון די הנהלה האט אונז געסטראשעט מיטן ערגסטן, זאגנדיג אז מען גייט אונז איינגאנצן ארויסווארפן און מיר וועלן זיין פארפאלן פון ביידע עולמות וכו' וכו'. דאן איז געקומען א צווייטער און אונז געזאגט אז מיר האבן נאך א שטיקל תיקון, אויב אונז וועלן איבערבעטן דעם ריש מתיבתא און די הנהלה וכו' האפט ער אז מען וועט אונז נישט מוזן ארויסווארפן און אונז וועלן קענען אפקומען מיט אנדערע תיקונים.

איך האב באמת נישט געהאלטן דערביי, אבער די אנדערע צוויי האבן מער מורא געהאט, און אזוי ווי זיי האבן זיך אונטערגעגעבן בין איך מיטגעגאנגען מיט זיי אין שפאן. אונז האבן - יעדער איינער עקסטער – ארויסגעקלאפט אויפן בימה אין פארנט פון יעדן און ארויסגעברענגט וואספארא שרעקליכע עבירה מיר האבן געטון, ווי געפערליך דאס איז וכו', דאן האבן מיר געמוזט צוגיין בפני כל הקהל צום ריש מתיבתא און אב בי"ד און זיי 'קושן אויף די פיס'! יא, דאס איז נישט קיין ווערטל אדער משל, דאס האבן מיר ווירקליך געטון, מיר זענען געפאלן פאר זייערע פיס און דאס געקושט.

אצינד איז ער נאך אלץ נישט צופרידן געווען, ער האט געזאגט אז ס'וויזט שוין טאקע א שטיקל הכנעה, אבער מיר מוזן דאס צוענדיגן. יעצט האט ער געפאדערט אז מיר דארפן רייסן קריעה מוצאי שבת גלייך נאך מעריב קעגן דעם גאנצן עולם... מיר האבן דאס אויך געטון, און יעצט האבן מיר שוין ענדליך געקענט באקומען אונזער 'תיקון'.

- **וואס איז געווען דער תיקון?**

אה, די ערשטע זאך האבן אונז נישט געטארט אהיימגיין פאר די קומענדיגע האלבע יאר! דאס מיינט נישט איבערטרעטן די שוועל פונעם הויז, נישט האבן קיין שייכות מיט די בני בית אא"ו. די צווייטע תיקון איז געווען אז מיר טארן נישט אויסטוישן קיין איין ווארט מיט קיין נברא שבעולם. מיר האבן זיך געדרייט פאר חדשים לאנג אן ארויסרעדן קיין ווארט פון מויל, און אפילו ווינקען האט מען נישט געטארט. איין מאל האב איך זיך געגעבן א קליין ווינק מיט א צווייטן, צו מזל האט דאס איינער פון די הנהלה באמערקט, די קולות וואס האט נאכגעפאלגט קען איך דיר נישט שילדערן, ער האט מיר באשולדיגט אין זיין א כפוי טובה, נאך וואס ברוב טובם זענען זיי איינגעגאנגען מיר נישט ארויסצואווארפן.



טון עפעס קען די הנהלה איז געווען דאס ערגסטע...

- **וואס איז געווען ווייטער?**

צו מאכן א לאנגע מעשה קורץ: דאס יאר הושענא רבה - תשפ"ה – האבן זיי מיר ענדגילטיג ארויסגעווארפן, און איך בין דאן אריבער צו כנישתא חדא אום הושענא רבה. דארט האב איך זיך אויפגעהאלטן פאר עטליכע חדשים, ביז הגה"צ דער סאטמאר-אנטווערפענער דיין שליט"א האט מיר אהיימגענומען קיין אנטווערפן, און דערנאך בין איך אנגעקומען דא ביי ר' מענדל שליט"א וואו איך האב זייער הנאה...

- **וואוו, עס הערט זיך ווי א פיקטיוו געשיכטע. ווען נישט איך הער עס פון כלי ראשון וואלט זיך שווער געגלייבט אז היינטיגע צייטן געשעען נאך אזעלכע זאכן. פאר מיר ענדיגן, וואס קענסטו זאגן איבער די מצב יעצט סיי מיט די וואס זענען נאך אין די שעלטערס און סיי די וואס זענען שוין ארויס, און איבער די וויכטיגקייט צו שטיצן די אויסטערלישע פעולות ההצלה?**

איך בין כסדר בקשר מיט די עסקנים, און דאס וואס זיי טוען איז אומגלויבליך. סיי וואס זיי טוען מיט די קינדער וואס געפינען זיך נאך אין די שעלטערס, וואס אגב איז מיין ווייב צווישן זיי וויבאלד זי איז נאך אונטער אכצן, זיי ווענדן אן אלע פעולות צו קענען ארויסזען יעדן איינציגן קינד פון דארטן וואס שנעלער.

באזונדער וואס זיי שטעלן צו

פאר די יוצאים. איך זע דא ביי מיר אליין וויאזוי די עסקנים אין שפיץ פון ר' מענדל מיטן דיין געבן זיך אוועק פאר מיר, און איך הער דאס אויך פון מיינע חברים אין אמעריקע, וואס זיי באקומען אלעס פון די עסקנים.

איך בין זיכער אז תושבי לאנדאן וועלן קומען אין די מאסן צו די מעמד אדיר דעם זונטאג אין יסודי התורה וואו מען וועט הערן גאר אסאך חידושים,

און אויך זיך משתתף זיין מיט גרויסע סכומים פאר אזא הייליגע מצוה. ווי איר האט געהערט דאס מציאות דארטן, זעט מען אז מען רעדט דא פון פדיון שבויים אין פולן זין פון ווארט, און דער רמב"ם זאגט אונז שוין **אין מצוה גדולה כמו פדיון שבויים!**

- **ישר כח ר' אברהם יצחק.**

עס איז שאקירנד וואס איר פארציילט און איך בין זיכער אז דער ציבור וועט באגרייפן די וויכטיגקייט פון שטיצן די עסקנים צו קענען ארויסנעמען יעדן נפש פון דארט און זיי מסדר זיין אין די נייע ערטער. הצלחה וברכה.

זייט געזונט. ■

---

היסטאריע חזר'ט זיך איבער

# מעמדים אדירים אין לאנדאנ'ס היסטאריע

## געהערט פונעם וועטעראן-עסקן הרה"ח ר' אברהם יעקב לאנדא הי"ו

שטייענדיג פאר אזא היסטארישע מעמד אדיר וואס וועט פארקומען דעם זונטאג במעמד רבנים דיינים וגדולי התורה, האבן מיר זיך פארבינדן מיט הרה"ח ר' אברהם יעקב לאנדא הי"ו, דער וועטעראן עסקן און בארימטער טשעירמאן, וועלכער האט שוין אנגעפירט מיט צענדליגער מעמדים דורכאויס די יארן, און אים געבעטן ער זאל אונז שילדערן איבער זיין ערפארונג מיט מעמדים אין לאנדאן אינעם עבר.

מיר האבן געכאפט ר' אברהם יענקל אין א פארנומענע צייט, נאך וואס ער איז אציגנד פארנומען מיטן ריזיגן מעמד, און מיר האבן בלויז געהערט פון אים אויפן שפיץ גאפל ממש, ווען ער פארזיכערט אונז אז ס'איז אוודאי דא נאך מעמדים, ועוד חזון למועד צו אפהאלטן א געהעריגע שמועס מיט ר' אברהם יעקב.

די ערשטע גרויסע מעמד וואס ער געדענקט איז געווען נאך אלץ בחור, ביים גרינדונג פון קרן הצלה אום כ"ה תמוז תשל"ח. דעמאלט זענען געקומען אהער צו פארן פילע גדולי ישראל, דערונטער הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק און אלע חברי הבד"ץ: דער מנחת יצחק, רמ"א פריינד, רי"מ דושינסקיא און נאך.

דערנאך געדענקט ער פרשת פנחס תשמ"ב, ווען בער ברך משה מסאטמאר איז אהער געקומען צום ערשטן מאל נאכן איבערנעמען די אדומורו"ת, און זונטאג מטו"מ (געווי די זעלבע טאג ווי די יעצטיגע מעמד) איז געווען א גרויסע מעמד הנחת אבן הפינה פאר די מיידל שולע. ווי אויך איז דער ברך משה אין לויף פון די יארן דא געווען פאר עטליכע שיינע באזוכן מיט מעמדים.

אין די אנפאנג נ' יארן האט אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל געפראוועט א הערליכע שבת דא אין לאנדאן. אזוי אויך איז געווען אסאך שבתים מיט אדמו"ר מקרעטשניף זצ"ל.

אין די סוף ס' יארן איז געווען א מעמד אדיר לטובת די בחורי יאפאן, וואו דער סאטמאר-אנטווערפענער דיין האט אויך דאן אנגעפירט מיט די פדיון שבויים אקציע.

אום אלול תש"ע איז געווען דער לאנדאנער כינוס כלל ישראל, בראשות גאב"ד עירנו שליט"א לרפו"ש און אלע חברי הבד"ץ ורבני עירנו.

אין די לעצטערע יארן זענען געווען עטליכע מעמדים איבער די גזירות החינוך אין ענגלאנד, אריינגערעכנט די לעצטיגע מעמד אדיר בקשת רחמים ותענית חצי יום.

***די יעצטיגע מעמד "ויצעקו" וועט אריינגיין אין די היסטאריע ביכער פון מעמדי יהדות לאנדאן! קיינער וויל דאס נישט פארפאסן! יעדער וועט דארט זיין!***

# ויצעקו

## א געשריי

מעומק הלב
בעהטן זיי זיך
הושיענו כי באו
מים עד נפש

## מיר ענטפערן זיי יעצט:

# הננו!

## דעם זונטאג

**מעמד הצלת ילדי לב טהור גוטאמאלא**

באולם יסודי התורה
בשעה 9:00 בערב

מגבית הצלה האדיר
ויצעקו
למען ילדי לב טהור
גוטאמאלא

gilyoines.com